# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך גיטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## גיוואלד! זייט אייך נישט

איין טאָג אינדערפרי קומט אַריין דער רבי אין כּתּה מיט איין שׂמחה און רופט אויס מיט אַן איבערראַשונג: "קינדער אַפּאַר וואכן אַרום גייען אַלע קינדער פאָרן צו גאר אַ געשמאַקע נסיעה אין גליל צו די מקומות הקדושים און נאָך גאר אינטערעסאַנטע פּלעצער".

"וואו? וועלכע טאָג? וואס דארף מען מיטנעמען?" שרייען אויס אַלע קינדער איינאיינעם, ווי זיי וואלטן זיך אָפּגעשמועסט בעפאר וואס מען דארף פרעגן! נאכדעם וואס דער רבי האט זיי אַנטפּלעקט דעם סוד וועלכע טאָג מען גייט פאָרן, האבן אַלע קינדער זיך גענומען ציילן די טעג. יעדן טאָג וואס גייט פאַראיבער, ווערן זיי מער און מער אויפגעלעבט, לוסטיג און פריילך. און וואַרטן שוין קוים אויף דעם גרויסן טאָג!

אויך מיר, אידישע קינדער וואַרטן אויף גאר אַ גרויסן טאָג. מיר געפינען זיך אין די ספירה טעג, אַזוי אויך אין די וואכעדיגע פּרשה [אמור] האבן מיר אַ פּסוק וואס מיר קענען שוין זייער גוט "וספרתם לכם ממחרת השבת... תּספּרו חמשים יום". דארף מען פאַרשטיין וואס איז דער ענין פון ספירה, מען ציילט טעג! וואספאַרא סאָרט מצוה איז צו ציילן איין טאָג און נאָך אַ טאָג?

נאר אַזוי ווי אין דעם אויבערדערמאַנטן משל, אַז ווען אַ קינד וואַרט אויף אַ זאך וואס ער גלייכט זייער, און ווי נענטער דער טאָג פון די נסיעה קומט אָן ציילט ער ממש די טעג און שעה'ן,

ער פאַקט זיך שוין איין זיין טעשעלע נעבן זיין בעט גרייט, פּונקט דאס איז די מצוה פון ספירת העמר.

יעדעס יאָר גייען מיר אַרויס פון מצרים. יעדעס יאָר גייען מיר אַדורך פאַרשידענע סאָרטן חלישות הדעת פונעם יצר הרע וואס שטאַרקט זיך אויף אונז מיט אַלע סאָרטן נסיונות און איינערדעדנישן, אַלע סאָרטן זאכן וואס דאס איז פאַרקערט פון רצון השם, אָבער אַלע יאָר פּסח גייען מיר אַרויס פריי פון די אַלע "מצרים".

נאך פּסח הייבט זיך אָן די עבודה פון זיך ריינִיגן און מטהר זיין מיר זאָלן קענען זיין גרייט צו באַקומען די הייליגע תּורה. און דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות האט אונז געגעבן די מצוה פון "ספירה", ווען מיר בענקען און גלוסטן און האפן, "ווען וועל איך שוין באַקומען די הייליגע זיסע תּורה?".

יעדן טאָג וואס מען ציילט די ספירה פון דעם דאזיגן טאָג, גייען מיר גלייך אַרויס פון איין טויער פון טומאה און מען דערגרייכט איין שער פון די קדושה. אַזוי ציילט מען טאָג נאָך טאָג, מען וואַרט און מען האָפט אויף דעם טאָג פון מתּן תּורה. מיט די מצוה באַקומען מיר כּוחות צו אויסוואַרטן און האפן דערצו.

גאר אַסאך מאָל געשעעט אַז אַ אידיש קינדער וויל זיך מקדש זיין, ער וויל אָנהייבן אַ נייע בלאט נישט געדענקען וואס איז געווען מיט

אִים בֶּעפָּאר, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל אִים נָאר אַרָאפְּוַוארְפְן אוּן אִים מְיַיאֵשׁ זַיין, דַארְף עֶר אָבֶּער וַוייטֶער זִיךְ אָנְהַאלְטְן אוּן וַוארְטְן אוּן צֵיילְן מִיט עַקְשָׁנוּת וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי מִינוּט אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה צוּ וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין "זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען - אִין דִי טֶעג וָואס מִיר צֵיילְן אוּן וַוארְטְן אוֹיף אוּנְזֶער יְשׁוּעָה - וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל: "גִיוַואלְד! זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ!". דָאס הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן פַאר אַלֶע דוֹרוֹת שְׁפֶּעטֶער, אַז קֵיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאן פַאר קֵיין שׁוּם אִיד. וַוייל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דַאכְט זִיךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט אִים גֶעמֵיינְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע מָאדְנֶע אוּן גְרָאבֶּע נְסִיוֹנוֹת, וָואס לָאזְט מִיר נִישְׁט בְּשׁוּם אוֹפָן וֶוערְן נָאנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אַזֶעלְכֶע דִמְיוֹנוֹת דְרֵייט זִיךְ בַּיי גָאר אַסַאךְ קִינְדֶער אִין קָאפּ.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דֶער גֶעשְׁרֵיי וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן מֵיינְט אַוַודְאַי יָא יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד, אִין אַלֶע זַיינֶע מַצָּבִים. וַוייל אֲפִילוּ אַ אִיד זָאל גֶעבְן נָאר אַ קְלֵיין בֶּענְק צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר רוּקְט זִיךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע תְּנוּעָה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם אַלֵיין קֶען עֶר זֵייעֶר נָאנְט וֶוערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן אוּן הֵיילִיגְן דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ מַתַּן תּוֹרָה וָואס זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף אוּנְז גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוּן חֲסָדִים אוּן דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב, אָמֵן.

# איין מעשה'לע

*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

"דֶער קַאר אִיז שׁוֹין דָא!" הָאט מַיין טַאטֶע אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הוֹיז. אַלֶע רֶענְצְלֶעך זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט אִינְדְרוֹיסְן. מַיין מַאמֶע הָאט נָאךְ צוּגֶעעֶנְדִיגְט דִי לֶעצְטֶע הֲכָנוֹת אוּן מִיט טַאנְצֶעדִיגֶע טְרִיט זֶענֶען מִיר אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין קַאר. אַ קְלֵיינִיגְקַייט? מִיר זֶענֶען אַצִינְד אוֹיפְן וֶועג צוּ דִי הִלוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי.

דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵלְ'דִיגֶע קִינְדֶער וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אוּנְזֶער עֶקְסְטַאז. בַּיי זֵיי מֵיינְט פָארְן קַיין מִירוֹן פָּשׁוּט זִיךְ אַרַיינְזֶעצְן אִין אַ אוֹטָא אוּן פָארְן אַ וֶועג פוּן צְוֵויי-דְרַיי שָׁעָה הֶעכְסְטְנְס עֶרֶב ל"ג בָּעֹמֶר קֶען מֶען פָארְן אַבִּיסְל לֶענְגֶער אָבֶּער זֵיי זֶענֶען אַ טְרִיט אַוֶועק פוּן דֶער הֵיילִיגֶער מְעָרָה. בַּיי אוּנְז אִין חוּץ לָאָרֶץ מֵיינְט פָארְן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, לַאנְגֶע חֳדָשִׁים אוּן אֲפִילוּ יָארְן פוּן תְּפִלּוֹת אוֹיף תְּפִלּוֹת צוּ קֶענֶען דֶערְגְרֵייכְן מִירוֹן. אוּן דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען הָאפְן אוּן בֶּעטְן אַז עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט מַאכְן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע מְנִיעוֹת וַוייל יֶעדֶע קְלֵיינֶע פַאנְטְשֶׁער קֶען אָפְּפְּשַׁאפְן אוּנְזֶער רַייזֶע.

אַצִינְד הָאבְן מִיר שׁוֹין גֶעהַאלְטְן עֶרְגֶעץ אוֹיף אַ וֶועג. נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן פוּן תְּפִלּוֹת הָאבְן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן בַּאשְׁלָאסְן מִיטְצוּנֶעמֶען מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אַ כַּלָּה אוּן מִיר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לְכָבוֹד ל"ג בָּעֹמֶר. קַיין

גְלִיקְלִיכֶערֶער וִוי אוּנְז אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען.

דִי קַאר הָאט זִיךְ גֶעגְלִיטְשׁ אוֹיפְן שָׁאסֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע רִיטֶעם. לוֹיטְן מַצָּב הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי מִיר וֶועלְן אָנְקוּמֶען בַּאצַייטְנְס אִין לוּפְט פֶעלְד. קַיין טְרַאפִיק אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּן גֶענוּג צַייט הָאבְן מִיר גֶעהַאט. מִיר הָאבְן נָאר גֶעקְלֶערְט וָואס מִיר וֶועלְן טוּן אִין לוּפְט-פֶעלְד אַזוֹי לַאנְג.

יָא יָא, קַיין מִינוּט וַוארְטְן הָאבְן מִיר שׁוֹין נִישְׁט גֶעדַארְפְט...

מִיר זֶענֶען טַאקֶע אָנְגֶעקוּמֶען בַּאצַייטְנְס אָבֶער מֶען הָאט אוּנְז קַאלְט גֶעמָאלְדְן אַז דֶער לוּפְט-פֶעלְד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַצִינְד פַארְשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן צוּלִיבּ אַ בָּאמְבֶּע וָואס הָאט גֶעטְרַאסְקֶעט דָארְט. וָואס הָאט מֶען יֶעצְט צוּצוּשְׁפַּארְן דִי לוּפְט פֶעלְד, קַיין פְלִיגֶער הָאבְן מִיר יֶעצְט נִישְׁט.

וָואס וַוייטֶער?

אַה, זִיכֶער, נָאךְ אַבִּיסְל תְּפִלּוֹת. סְ'קֶען נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ זַיין.

מִיר הָאבְן זִיךְ וַוייטֶער גֶענוּמֶען הֵייס מִתְפַּלֵל זַיין אַז אִין דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן אַן אַנְדֶערֶע טִיקֶעט וָואס זָאל נִישְׁט זַיין צוּ טַייעֶר אוּן מַיין טַאטֶע הָאט גֶעהֵייסְן מִתְפַּלֵל זַיין בְּרֵייט מִיט הַרְחָבָה אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרוּמוַואלְגֶערְן מִיט אַן אָפְּשְׁטֶעל אִין אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה.

דֶער לוּפְט-פֶעלְד אִין נְיוּ יָארְק אִיז גֶעוֶוען גֶעפַּאקְט מִיט גֶעשְׁטְרַאנְדֶעטֶע רַייזֶענְדֶע וֶועלְכֶע זֶענֶען וִוי אוּנְז גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. יֶעדֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט בַּיים טִישְׁל צוּ קֶענֶען דֶערְשְׁנַאפְּן עֶפֶּעס אַ טִיקֶעט אָבֶער דִי שְׁטַייפֶע בַּאאַמְטֶע הָאבְן יֶעדְן פַארְשִׁיקְט. סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ מַאכְן.

מַיין טַאטֶע אִיז אַ אָפְּטֶער בַּאזוּכֶער בַּיים צִיּוּן פוּן רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי'ן הָאט עֶר דַוְקָא גֶעוָואלְט פַארְבַּייפָארְן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים דָארְט צוּ מִתְפַּלֵל זַיין עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אַרוֹיס קוּמֶענְדִיג פוּנֶעם צַדִיקְ'ס אֵייבִּיגֶע רוּ הָאט עֶר דֶערְפִילְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶע'פּוּעֶלְ'ט אוּן מִיר הָאבְן זִיךְ צוּרִיק אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין קַאר אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים. מִיר הָאבְן זֵייעֶר לִיבּ אוּנְזֶער וַוארִימֶע הֵיים אָבֶער דָאסְמָאל הָאט דָאס הוֹיז גֶענוּמֶען עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע סָארְט קָאלִיר, אַזוֹי נִישְׁט הַיימְלִיךְ. מִיר הָאבְן זִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאכְטְן צוּ שְׁלָאפְן נָאךְ אַ נַאכְט אִין אוּנְזֶער בֶּעט.

אַ לַאנְגֶע צַייט אִיז מַיין טַאטֶע גֶעוֶוען אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן מִיט דִי טְרַאוֶועל אַגֶענְטְן סַיי פוּן נְיוּ יָארְק אוּן אוֹיךְ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ פְּרוּבִּירְן מַאכְן אַ טִיקֶעט. עֶר הָאט אוּנְז מְחַזֵק וַוייטֶער צוּ מִתְפַּלֵל זַיין. עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן לָאזְן אַלֶע פֶּעק אוּן זֶעק אִין אוֹיטָא מִיט זִיכֶערֶע אֱמוּנָה אַז עֶר הָאט גֶע'פּוּעֶלְ'ט בַּיים צַדִיק אַז יֶעדֶע מִינוּט קֶען קוּמֶען דִי יְשׁוּעָה אוּן מִיר קֶענֶען נָאךְ יֶעדֶע מִינוּט פָארְן.

מִיר גְרוֹיס הָאפֶענוּנְג הָאבְן מִיר זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן.

3:00 פַארְטָאגְס. דֶער טֶעלֶעפָאן הָאט זִיךְ צֶעקְלִינְגֶען פוּן אַ טְרַאוֶועל אַגֶענְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. מִיר זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען הַאלְבּ וַואכֶעדִיג אִין אַ לַייכְטֶע שְׁלָאף. פוּן אוּנְזֶער צִימֶער הָאבְן מִיר אַרוֹיסְגֶעהֶערְט וִוי מַיין טַאטֶע פַארְהַאנְדְלְט מִיט אֵיינֶעם. אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר פַייעֶרְלִיךְ אוֹיסְגֶערוּפְן, "בִּיז עֶטְלִיכֶע שָׁעָה הֵייבְּט זִיךְ אַ פְלִיגֶער!"

יָא, זֵיי הָאבְן גֶעהַאט פּוּנְקְט פִיר טִיקֶעטְס פַאר אוּנְז פַאר גָאר אַ בִּילִיגֶע פְּרַייז. אִין אַ גְלִיקְלִיכֶע שָׁעָה הָאבְן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לַאנְדְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. יֶעצְט זֶענֶען מִיר דָא גַאנְץ נָאנְט צוּם דֶערְפְל וואוּ עֶס רוּעֶט דִי קְדוּשָׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי. מִיר הָאפְן צוּ פּוּעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ דַאנְקֶען פַאר דִי מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְן בַּאקוּמֶען.

# הַתַּנָּא אֱלוֹקִי



מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין דִי טֶעג פוּן עֶרֶב ל"ג בָּעוֹמֶר. לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן טָאג, וֶועלְן מִיר אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶער מוֹרָא'דִיגֶער הִסְתַּלְּקוּת וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַזֹּהַר אִין דִי חֵלֶק וָואס הֵייסְט "אִדְּרָא זוּטָא". אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר אִיז מְסוּגָּל צוּ מַאכְן חֵשֶׁק אוּן גְלוּסְטֶענִישׁ צוּ אַלֶע סָארְטְן לִמּוּדִים פוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דֶער הֵיילִיגֶער לָשׁוֹן טוּט זֵייעֶר עֶרְוֶועקְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אֲפִילוּ זָאגְן זֹהַר אָן פַארְשְׁטֵיין אִיז זֵייעֶר מְסוּגָּל.

תָּאנָא, בְּהַהוּא יוֹמָא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בָּעָא לְאִסְתַּלְּקָא מִן עָלְמָא, וְהֲוֵה מְסַדֵּר מִלּוֹי, אִתְכְּנָשׁוּ חַבְרַיָּא לְבֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן, וַהֲווֹ קַמֵּיהּ, רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרֵיהּ, וְרַבִּי אַבָּא וּשְׁאָר חַבְרַיָּא, וַהֲוָה מַלְיָא בֵּיתָא:

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, אַז אִין דֶער טָאג וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעוָואלְט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן פוּן דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע רֵייד. דָאס מֵיינְט עֶר הָאט בַּאפוֹילְן זַיינֶע שְׁטוּבּ מֶענְטְשְׁן, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט פוּן דֶער וֶועלְט. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ מְגַלֶּה זַיין אִין דֶעם טָאג.

דִי חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ פַארְזַאמְלְט אִין רֶבִּי שִׁמְעוֹנְ'ס הוֹיז צוּ הֶערְן פוּן אִים סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אוּן צוּ זַיין בִּשְׁעַת עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר אוּן רֶבִּי אַבָּא אוּן נָאךְ חֲבֵרִים, דִי הוֹיז אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט חַכְמֵי הַדּוֹר וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

זָקִיף עֵינוֹ רַבִּי שִׁמְעוֹן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן גֶעזֶען אַז דָאס הוֹיז אִיז פוּל מִיט בַּאזוּכֶער, הָאט עֶר זִיךְ צֶעוֵויינְט פַארְוָואס דִי שְׁכִינָה - וָואס פְּלֶעגְט זִיךְ גֶעוֶוענְדְלִיךְ מְגַלֶּה זַיין מִיט פֵייעֶר - הָאט זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְט דֶערְפַאר הָאבְּן אַלֶע גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אָן רְשׁוּת. עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אַן אַנְדֶערְ'ס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין קְרַאנְק גֶעוֶוען אִיז רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר מִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְטְס מְבָרֵר גֶעוֶוען בַּיי אֲחִיָּה הַשִּׁלוֹנִי הַנָּבִיא וואוּ מַיין פְּלַאץ וֶועט זַיין אִין גַּן עֵדֶן, הָאט עֶר צוּגֶעוַוארְט בִּיז יֶעצְט אוּן מֶען הָאט מִיר צוּגֶעגֶעבְּן יָארְן צוּ לֶעבְּן".

וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן גַּן עֵדֶן אוּן גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אִיז זַייט דֶעמָאלְט אַלֶעמָאל גֶעוֶוען אַרוּם מִיר אַ פֵייעֶר אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל אָפְּגֶעטוּן, קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּמֶען אִין מַיין שְׁטוּבּ נָאר מִיט רְשׁוּת, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דָאס פֵייעֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן, דֶערְפַאר אִיז דָאס הוֹיז פוּל מִיט בַּאזוּכֶער.

וִוילַאנְג אַלֶע חֲכָמִים זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעצְן הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעעֶפְנְט זַיינֶע אוֹיגְן צוּ זֶען גֶעטְלִיכֶע

מַרְאוֹת, און עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען - דָאס מֵיינְט גִּלּוּי שְׁכִינָה - גְלַייךְ הָאט אַ פֵייעֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען אַלֶע חֲכָמִים וָואס זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִין דָאס הוֹיז, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען דָאס פֵייעֶר און אַלֶע חֲכָמִים זֶענֶען אַרוֹיס, עֶס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן נָאר רֶבִּי אֶלְעָזָר און רֶבִּי אַבָּא אַלֵיין, אַלֶע אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִינְדְרוֹיסְן און דָארְט צוּגֶעוַוארְט צוּ זֶען וִויאַזוֹי עֶס וֶועט פָּארְקוּמֶען דֶער הִסְתַּלְּקוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

אָמַר רֶבִּי שִׁמְעוֹן לְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּרֵיהּ - רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר, גֵיי אַרוֹיס און זֶע אוֹיב רֶבִּי יִצְחָק אִיז דָא, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ עֲרֵבוּת אִים מִיטְצוּנֶעמֶען מִיט מִיר אִין גַּן עֵדֶן, זָאג אִים עֶר זָאל בַּאפֶעלְן (לָאזְן צַוָּאָה) זַיין בְּנֵי בַּיִת און מִתְפַּלֵּל זַיין אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף טוּן פַאר מֶען שְׁטַארְבְּט, דֶערְנָאךְ זָאל עֶר זִיצְן לֶעבְּן מִיר, וַוייל וֶוער עֶס גֵייט אַרַיין אִין מַיין מְחִיצָּה הָאט מֶער נִישְׁט קַיין רְשׁוּת אַרוֹיסְצוּגֵיין און עֶר זָאל גָארְנִישְׁט רֶעדְן. ווארויל אִיז זַיין חֵלֶק, אַז עֶר אִיז זוֹכֶה מִיטְצוּגֵיין מִיט מִיר אִין גַּן עֵדֶן.

קָם רֶבִּי שִׁמְעוֹן - רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן לְכָבוֹד דִי שְׁכִינָה און נִשְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים וָועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט, גֶעשְׁמֵייכְלְט און זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּם אָנְקוּם פוּן דִי שְׁכִינָה. רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט און מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן וֶוען עֶר גֵייט יֶעצְט מְגַלֶּה זַיין דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט פַאר זַיין חֵלֶק און אַיינְגֶעלַאדְנְט דִי חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעפִינֶען בַּיים אִדְּרָא צוּ הֶערְן דִי סוֹדוֹת וָואס עֶר גֵייט מְגַלֶּה זַיין.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר מְגַלֶּה גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע סוֹדוֹת.

אָמַר רֶבִּי אַבָּא: "דֶער הֵיילִיגֶער לִיכְט - רֶבִּי שִׁמְעוֹן - הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ עֶנְדִיגְן דָאס וָוארְט חַיִּים פוּן פָּסוּק "כִּי שָׁם צִוָּה ה' אֶת הַבְּרָכָה", וַוייל פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעהַאלְטֶן פוּן זָאגְן דָאס וָוארְט חַיִּים", זָאגְט וַוייטֶער רֶבִּי אַבָּא: אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הֶערְן נָאךְ תּוֹרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן און שְׁרֵייבְּן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעהֶערְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיין קָאפּ צוּ זֶען פַארְוָואס עֶר רֶעדְט מֶער נִישְׁט, וַוייל דָאס פֵייעֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, בִּיז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן דָארְט וואוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען, אִינְצְוִוישְׁן בִּין אִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶעשְׁוֹידֶערְט גֶעוָוארְן וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ קוֹל פוּן אוֹיבְן וָואס רוּפְט אוֹיס "אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ", דֶערְנָאךְ אִיז אַרוֹיס נָאךְ אַ קוֹל: "חַיִּים שָׁאַל מִמְּךָ".



בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג הָאט דָאס פֵייעֶר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעטוּן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיינֶער וָואס זָאל זִיךְ דֶערְוַוייגְן צוּצוּגֵיין זֶען וָואס עֶר גֵייט פָאר מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן, וַוייל דָאס פֵייעֶר און לִיכְט הָאבְּן

געבּרענט דעם גאַנצן טאָג.

מיר זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און געשריגן פון גרויס צער: אַזוי זאָגט רבּי אַבּא.

ווען דאָס פייער האָט זיך אָפּגעטון האָבן מיר געזען אַז דער גרויסער הייליגער ליכט איז אַוועק פון דער וועלט, מיר האָבן אים געזען איינגעוויקלט אין אַ טלית און ער האָט שמייכלט.

אַסאַך תּלמיד חכמים זענען אים געקומען געבן דעם לעצטן כּבוד. עס איז אַרויס פון הויז גאָר שמעקעדיגע ריחות פון די בּשׂמים פון גן עדן וועלכע איז געקומען פון די צדיקים פון גן עדן וואָס האָבן אים מקבּל פּנים געווען. עס איז געוואָרן אַ קריגערײַ צווישן די גבּורים פון צפּורי וועלכע האָבן געוואָלט מיט כּח אַוועקנעמען די הייליגע מטה צו זייער דערפל, און די מענטשן פון מירון האָבן זיי אַוועקגעשטופּט און זיי אָנגעשריגן.

כּדי אָפּצושטילן די קריגערייען האָט דער באַשעפער געמאַכט אַן אָפּענער נס אַז די בעט פון רבּי שמעון איז אַרויף אין די לופטן און די מלאכים האָבן דאָס געטראָגן באַגלייט מיט אַ פייער זויל. עס איז דאַן אַרויס אַ בּת קול פון הימל וואָס אַלע האָבן געהערט: "עולו ואתו ואתכנשו להילולא דרבּי שמעון! קומט אַלע זיך פאַרזאַמלען אַפילו די רחוקים צו די שמחה פון רבּי שמעון!"

המשך פון זייט 12

# ס'איז זיכער יאָ דאַ!

מעשיות - די ערשטע מעשה, נאָר פּאָר צוויי טעג צוריק האָט ער געמאַכט די בּחינות אינעם גליון 'דעם רבּי'נס ליכט'.

דער הייליגער רבּי פאַרציילט איבער דער שני-למלכות וועלכער איז געגאַנגען יאָרן אַרומזוכן די בּת-מלך. ער האָט נאָכגעפאָרשט אין די מדבּריות און וועלדער בּיז ער האָט געטראָפן אַ גרויסער מענטש וואָס טראָגט אַ 'גרויסע בּוים', זיכער האָט אים אויסגעזען אַז דער גרויסער ווייסט גוט וואָס ער רעדט, אָבער דער 'גרויסער מענטש' האָט אים נאָר אָפּגעשוואַכט און געזאָגט: "עס איז זיכער נישטאָ וואָס דו זוכסט..."

נחמי'ה שפּרינגט אויף פון זיין אָרט און גיבט אַ געשריי: "עס איז בּוודאי יאָ דאָ". איך קען זיכער גאָר שטאַרק מצליח זיין. אויך דער שני למלך האָט איר צום געטראָפן צום סוף! ער האָט זיך געשטאַרקט צו גלייבן אין זיין גרויסער שטאַרקער כּח, ער ווייסט שוין אַז ער האָט די מעגליכקייט צו דערגרייכן זיין ציל אויב ער וועט זיך פעסט עקשנ'ענען מיט אַ ענדלאָזע אמונה און שטאַרקע רצונות. און טאַקע אַזוי האָט נחמי'ה געטון, ער האָט זיך פאַרצייכנט אין זיין בּיכעלע אַלע זיינע שנויים און פאָרשריט און ווייטער פאַרשריבן וואו נאָך ער קען העכער גיין אויפן לייטער, בּיז ער האָט זוכה געווען צו וואָס ער האָט זוכה געווען צו גיין העכער מיט שמחה און אמונה צום וואונדער פון אַלע זיינע אַרומיגע.

**מיר פאַרמאָגן אויסטערלישע כּוחות, מיט האָבן גרויסע מעגליכקייטן, מיר קענען זיכער דערגרייכן צום אַלעם גוטן וואָס מיר בּענקען אַזוי דערצו, נאָר זיי געוואָרנט נישט צוצוהערן צו די קולות וואָס פּרובירן אונז מייאש זיין.**

# לעובדא ולמעשה

רֶבִּי מָרְדְּכַי סָאקָאלָאוֶוער אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין בַּארְדִיטְשׁוב מִיט קִינְדֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד מִיט גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, בַּיים אַ גְבִיר מִיטְן מִשְׁפָּחָה נָאמֶען הַאלְפֶּערִין - דָארְט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן פַּרְנָסָה.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל אִין בַּארְדִיטְשׁוב, בַּארְדִיטְשׁוב אִיז אֵיין לַאנְגֶע גַאס, מֶען רוּפְט עֶס דִי קָאלְטֶע גַאס, דִי גַאס צִיט זִיךְ עֶטְלִיכֶע קִילָאמֶעטֶערְס, אוּן דָאס אִיז גַאנְץ בַּארְדִיטְשׁוב, אוּן אִין דִי זַייטְן וַוארְפְּט זִיךְ אַדוּרְךְ אַסַאךְ גַאסְן, דָארְטְן אִיז שׁוֹין דָא הוּנְדֶערְטֶער גַאסְן, בַּארְדִיטְשׁוב אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס!

אַז עֶס בַּאשְׁטֵייט פוּן אֵיין לַאנְגֶער גַאס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אִיךְ זָאל בְּלָאנְדְזְשֶׁען, אַז מֶען גֵייט אִין דֶער גַאס קוּמְט מֶען אָן צוּם בַּאן בַּיי דֶעם עֶק שְׁטָאט אוּן אוֹיב וֶועל אִיךְ גֵיין אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ קוּמֶען צוּ דֶער בַּאן!

רֶבִּי אַבְרָהָם בר"נ הָאט דָאךְ גֶעווֹאוֹינְט אִין בַּארְדִיטְשׁוב אַ שְׁטִיק צַייט, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי אַבְרָהָם אִין בַּארְדִיטְשׁוב, דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים בַּאגְלֵייט צוּ דֶער בַּאן - רֶבִּי מָרְדְּכַי סָאקָאלָאוֶוער, אוּן נָאךְ תַּלְמִידִים אַזוֹי בַּאגְלֵייט צוּ דֶער בַּאן אוּן אוֹיפְן וֶועג הָאט מֶען גֶערֶעדְט!

אִינְמִיטְן גֵייט ר' אַבְרָהָם אַוֶועק אִין אַ זַייטִיגֶער גֶעסְל אוּן דִי תַּלְמִידִים טְרַאכְטְן; רֶבִּי אַבְרָהָם ר' נַחְמָנְ'ס זָאל בְּלָאנְדְזְשֶׁעןֶ אוּן נִישְׁט וִויסְן וואוּ מֶען גֵייט צוּ דֶער בַּאן?! נָאר זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְשְׁפַּארְן, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער זַייט - אִין אַ גֶעסְל צוּזַאמֶען מִיט אִים, אִיז ר' אַבְרָהָם צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ הוֹיז, אוּן דָארְטְן הָאבְּן פַארְבְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן אוּן ווִי נָאר עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶער הוֹיז זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָאפְן אוּן עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג וואוּ מֶען דַארְף גֵיין צוּ דֶער בַּאן! דָאס הָאט רֶבִּי מָרְדְּכַי דֶערְצֵיילְט, אַז עֶר הָאט דָאס גֶעזֶעהְן!



רֶבִּי אַבְרָהָם ר' נַחְמָנְ'ס הָאט זֵיי גֶעוָואלְט רַאטֶעוֶוען פוּן אַן עֲבֵרָה, הָאט עֶר זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ דְרַיי אוֹיס אִין דֶער גֶעסְל, אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער הוֹיז, אוּן זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, וִוי נָאר זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, אִיז עֶר אִיז צוּרִיק צוּ דֶער בַּאן! דָאס הָאט רֶבִּי מָרְדְּכַי דֶערְצֵיילְט, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶערְבַּיי, אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעזֶען!

זֶעט מֶען דָאךְ אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'בַּעַל רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ', עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דָאס אִיז דָא אִין שְׁטָאט, אוּן מֶען דַארְף עֶס רַאטֶעוֶוען!

(באארבעט פון טעם זקנים)

# מעשה א' - די פארלוירענע בת מלך #3

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דֶער ווִילְדֶער מֶענְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) נָאךְ מַיין דֵיעָה נָאךְ אִיז דָאס אֵיין נַארִישְׁקֵייט נָאר וַוייל דוּ שְׁפַּארְסְט זִיךְ בְּכֵן אִיךְ בִּין אֵיין מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע חַיוֹת וֶועל אִיךְ דִיר צוּ לִיבּ טָאן אוּן וֶועל צוּם אוֹיף רוּפֶען אַלֶע חַיוֹת זֵיי לוֹיפְן אוֹיס גָאר דִי וֶועלְט טָאמֶער וֶועט ווִיסִין אֵיינֶע פוּן זֵיי פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס הַנַ"ל.

הָאט עֶר צוּם אוֹיף גִירוּפְן אַלֶע חַיוֹת פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס אוּן הָאט זֵיי גִיפְרֶעגְט. הָאבְּן זֵיי אַלֶע גִיעֶנְפֶרְט זֵיי הָאבְּן נִיט גִיזֶעהְן. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט זֶעסְטוּ מֶען הָאט דִיר אֵיין נַארִישְׁקֵייט אַיין גִירֶעט אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָּאלְגִין קֶער דִיךְ אוּם וָוארִין דוּ וֶועסְט בְּוַודְאַי נִיט גִיפִינֶען וָוארִין עֶס אִיז נִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁפַּארְט אוּן הָאט גִיזָאגְט עֶס מוּז בְּוַודְאַי יוֹא זַיין.

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דֶער ווִילְדֶער מֶענְטְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) אִיךְ הָאבּ אֵיין בְּרוּדֶער אִין דֶער מִדְבָּר אוּן עֶר אִיז אַמְמוּנָה אִיבֶּער אַלֶע עוֹפוֹת טָאמֶער וֵוייסִין זֵיי מַחֲמַת זֵיי פְלִיעֶן הוֹיךְ אִין דֶעם אַוִיר. טָאמֶער הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ אִים אוּן זָאלְסְט אִים זָאגִין אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ גִישִׁיקְט צוּ אִים.

אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים אִים זוּכִין הָאט עֶר ווִידֶער גִיפוּנֶען זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסִין מֶענְשׁ כַּנַ"ל. אוּן הָאט אוֹיךְ גִיטְרָאגִין אֵיין גְרוֹיסִין בּוֹים אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיפְרֶעגְט ווִי דֶער עֶרְשְׁטֶער. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן אַז דֶער בְּרוּדֶער הָאט אִים גִישִׁיקְט צוּ אִים. אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ מַדְחֶה גִיוֶועִן בַּאֲשֶׁר עֶס גִיפִינְט זִיךְ בְּוַודְאַי נִיט. אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר מַפְצִיר גִיוֶועִן עֶס אִיז בְּוַודְאַי יוֹא דָא.

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט אִיךְ בִּין אֵיין מְמוּנָה אִיבֶּער אַלֶע עוֹפוֹת וֶועל אִיךְ זֵיי רוּפְן טָאמֶער וֵוייסִין זֵיי. הָאט עֶר צוּם אוֹיף גִירוּפְן אַלֶע עוֹפוֹת אוּן הָאט אַלֶע גִיפְרֶעגְט פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. הָאבְּן זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט זֵיי וֵוייסִין נִיט פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט זֶעסְטוּ עֶס אִיז בְּוַודְאַי נִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָּאלְגְן קֶער דִיר אוּם וָוארִין עֶס אִיז בְּוַודְאַי נִיט דָא. אוּן עֶר (דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת) הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁפַּארְט אוּן הָאט גִיזָאגְט עֶס אִיז בְּוַודְאַי יאָ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט וַוייטֶער אִין דֶער מִדְבָּר גְעפִינְט זִיךְ דָארְט מַיין בְּרוּדֶער עֶר אִיז אֵיין מְמוּנָה אִיבֶּער אַלֶע ווִינְטְן אוּן זֵיי לוֹיפִין אוֹיס גָאר דִי וֶועלְט טָאמֶער וֵוייסִין זֵיי. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים זוּכִין, הָאט עֶר ווִידֶער גִיפוּנֶען אֵיין גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ כַּנַ"ל. אוּן הָאט אוֹיךְ גִיטְרָאגִין אֵיין גְרוֹיסִין בּוֹים אוּן הָאט אִים אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט כַּנַ"ל. הָאט עֶר

אִים אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַ"ל. הָאט אִים דֶער מֶענְשׁ אוֹיךְ מַדְחֶה גִיוֶוען. אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט אִים זַייעֶר גִיבֶּעטִין. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט עֶר וֶועט אִים צוּ לִיבּ טָאן אוּן וֶועט פוּן זַיינֶעט וֶועגִין צוּם אוֹיף רוּפִין אַלֶע וִוינְטְן אוּן וֶועט זֵיי פְרֶעגְן.

הָאט עֶר זֵיי גִירוּפְן. זֶענֶען גִיקוּמֶען אַלֶע וִוינְטְן הָאט עֶר אַלֶע גִיפְרֶעגְט. הָאבְּן זֵיי קֵיינֶער נִיט גִיוואוּסְט פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דֶער מֶענְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) זֶעסְטוּ אַז מֶען הָאט דִיר אֵיין נַארִישְׁקֵייט דֶער צֵיילְט. הָאט אָן גִיהוֹיבְּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת זַייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז בְּוַודְאַי יוֹא דָא.

דֶער וַוייל הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז עֶס אִיז אָן גִיקוּמֶען נָאךְ אֵיין וִוינְט הָאט זִיךְ דֶער מְמוּנֶה אוֹיף אִים גִיבֵּייזֶערְט וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פַאר שְׁפֶּעטִיקְט צוּ קוּמֶען אִיךְ הָאבּ דָאךְ גוֹזֵר גִיוֶוען אַז עֶס זָאלְן קוּמֶען אַלֶע וִוינְטְן פַאר וָואס בִּיסְטוּ נִיט גִיקוּמֶען מִיט זֵיי. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַאר זַאמְט מַחֲמַת אִיךְ הָאבּ בַּאדַארְפְט אָפּ טְרָאגִין אֵיין בַּת מֶלֶךְ צוּ אֵיין גִילְדֶענִים בַּארְג מִיט אֵיין פֶּערְלְנִים שְׁלָאס הָאט עֶר זִיךְ זַייעֶר דֶער פְרֵייט (הַיְינוּ דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זִיךְ זַייעֶר דֶער פְרֵייט וָואס עֶר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גִיוֶוען צוּ הֶערִין דָאס וָואס עֶר ווִיל).

הָאט גִיפְרֶעגְט דֶער מְמוּנֶה אִיבֶּער וִוינְטְן דֶעם וִוינְט וָואס אִיז דָארְטִין טַייעֶר. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט דָארְט אִיז אַלְדִינְג טַייעֶר. הָאט זִיךְ אָן גִירוּפְן דֶער מְמוּנֶה אִיבֶּער וִוינְטִין אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת בַּאֲשֶׁר אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ זוּכְסְט זִי אוּן ווִי פִּיל יְגִיעוֹת דוּ הָאסְט גִיהַאט בְּכֵן טָאמֶער וֶועסְטוּ הַיינְט הָאבִּין אַ מְנִיעָה מַחֲמַת גֶעלְט עַל כֵּן וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבִּין אַ כְּלִי אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַרַיין טָאן דִי הַאנְט וֶועסְטוּ פוּן דָארְט אַרוֹיס נֶעמֶען גֶעלְט.

אוּן הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם וִוינְט אַז עֶר זָאל אִים טְרָאגִין אַהִין אִיז גִיקוּמֶען דֶער שְׁטָארִים וִוינְט אוּן הָאט אִים אַהִין גִיטְרָאגְן. אוּן הָאט אִים גִיבְּרַאכְט צוּם טוֹיעֶר. זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען חַיָילוֹת אוּן הָאבִּין אִים נִיט גִילָאזְט אִין שְׁטָאט אַרַיין. הָאט עֶר אַרַיין גִיטָאן דִי הַאנְט אִין דֶער כְּלִי אוּן הָאט אַרוֹיס גִינוּמֶען גֶעלְט, אוּן הָאט זֵיי מְשַׁחֵד גִיוֶוען. אוּן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. עֶס אִיז גִיוֶוען אֵיין שֵׁיינֶע שְׁטָאט.

אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין גְבִיר אוּן הָאט זִיךְ אָן גִידוּנְגֶען קֶעסְט. וָוארִין מֶען בַּאדַארְף זִיךְ דָארְטְן פַאר זַאמֶען. וָוארִין מֶען מוּז זֶעהְן מִיט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל מֶען זָאל זִי אַרוֹיס נֶעמֶען (אוּן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט דֶער צֵיילְט) צוּם סוֹף הָאט עֶר זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען אָמֵן סֶלָה.



תְּפִלָּה וְתַחֲנָה

לל״ג בעומר

מיוסדת ע״פ הסוד הנורא שגילה רבינו הק׳ הר׳ נחמן זצ״ל על גדולת רשב״י זצ״ל בתחלת הס׳ לקוטי מוהר״ן. יסדה תלמידו הק׳ מוהר״ר נ ת ן, ז״ל טוב לאומרה בכל מקום ובכל זמן, ואשרי הזוכה לאומרה על ציונו הק׳ בפרט בל״ג בעומר.

די תְּפִלָּה איז זייער גוט צו זאגן שטענדיג און אויף יעדן פלאץ. נאר וואל איז דעם וואס איז זוכה צו זאגן זי אויפ׳ן הייליגן ציון פון ר׳ שמעון בן יוחאי. בפרט אום ל״ג בעומר.

**קליינע שטיקלעך פון די תפלה וואס איז גוט צו זאגן לכבוד התנא אלוקי רשב״י לקוטי תפלות ח״ב תפלה מ״ז**

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָא נָחִית. הֵיילִיגֶע לִיכְט, גְרוֹיסֶע לִיכְט אוֹיבֶּערְשְׁטֶע לִיכְט. אִיר הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר אוּנְז אִידְן, אַז דוּרְךְ אַייךְ וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְז אִידְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, וָוארוּם [ווייל] דוּרְךְ אַייעֶר הֵיילִיגֶער 'זֹהַר הַקָּדוֹשׁ' וֶועלְן מִיר אִידְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָּלוּת, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶער שְׁטַארְקֶער 'הַסְתָּרָה', ד.ה. פַארְהוֹילֶענִישׁ אוּן פַארְבָּארְגֶענִישׁ, גָאר אִין דִי לֶעצְטֶע טֶעג 'בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא' אִין מָשִׁיחַ'ס צַייטְן, הָאט אִיר צוּגֶעזָאגְט אַז פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה, וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'.

עַל כֵּן בִּין אִיךְ יֶעצְט גֶעקוּמֶען דִיר דָא דֶערְמַאנֶען, הֵיילִיגֶער רַבִּי, רַבּוֹתַי הַקְּדוֹשִׁים, הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דֶערְבַּארֶעמְט זִיךְ אוֹיף מִיר, אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָאר דִי שְׁלֶעכְטְץ אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן פוּן זַייט אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן בִּיז אִיצְט, ... הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט וֶוענְדְן צוּ דָאס אַלֶעס, צוּ אַלֶע פְּגָמִים וְקִלְקוּלִים, אוּן עֶס זָאל אַייךְ אוֹיף מִיר נִישְׁט פַארְדְרִיסְן, נָאר אִיר זָאלְט קְלֶערְן מַחֲשָׁבוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן יֶעצְט אָן, אַז אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁטוֹיסְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן פוּן אַייךְ, וָוארוּם פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז אִיצְט אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין אָפְּהאלְט מִיר צוּ הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אִין דִי צַייט.

הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט זַיין רַחְמָנוּת וֶועט אַייעֶר תְּפִלָּה אוֹיסְהֶערְן, אוּן אִין אַייעֶר זְכוּת וֶועט עֶר מִיטְהֶעלְפְן מִיר מִיט כָּל יִשְׂרָאֵל, אוּן וֶועט אוּנְז צוּ זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן אִינְגִיכְן בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּן וֶועט אוּנְז גֶעבְּן זִיךְ הַאלְטְן, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן בְּשׁוּם אוֹפֶן, בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּרִיקְקֶערְן זִיךְ צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת, אוּן זַיין וִוי זַיין גוּטֶער ווילְן, פוּן אִיצְט בִּיז אֵייבִּיג, אוּן בַּיי מַיין לֶעבְּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, מִיט דֶעם כֹּחַ אוּן אִין זְכוּת פוּן אַלֶע אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים, וָואס נָאר אוֹיף זַיי אַלֵיין בִּין אִיךְ זִיךְ סוֹמֵךְ צוּ רֶעדְן דִי וֶוערְטֶער פַאר זַיי אוּן פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים עֶר וֵוייסְט אַלֶע בַּאהֶעלְטֶענִישְׁן, "הַשֵּׁם יִגְמוֹר בַּעֲדִי, הַשֵּׁם חַסְדְּךָ לְעוֹלָם מַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אַל תֶּרֶף. הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת אֶת שְׁמֶךָ, בִּי יַכְתִּירוּ צַדִּיקִים כִּי תִגְמֹל עָלָי".

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן





## די ערשטע מעשה - די פארלוירענע בת מלך (3)

**א. וואס האבן די חיות געענטפערט?**
- ❑ אז זיי האבן געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי האבן נישט געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי ווייסן נישט פון דעם בארג און דעם שלאס

**ב. וואס האט געזאגט דער ממונה איף די עופות ?**
- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוואו

**ג. וואס האבן די עופות געענטפערט?**
- ❑ אז זיי האבן געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי האבן נישט געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי ווייסן נישט פון דעם בארג און דעם שלאס

**ד. וואס האט געזאגט דער ממונה איף די רוחות ?**
- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוואו

**ה. וואס האט געזאגט דער ווינט וואס האט געשפעטיגט צו קומען?**
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן א מלך צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן דימאנטן צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן א בת מלך צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס

**ו. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וואו נאך אין ספורי מעשיות ווערט דערמאנט "ברודער" ? "עופות" ? "חיות" ? "ווינטן" ?

וואו קען מען לערנען ביי די מעשה – וואס עס שטייט:

"שכל אחד מאנשיו בוודאי יזכה בסוף לבוא בזה העולם למה שצריך" (חיי מוהר"ן מעלת המתקרבים אליו ש"ב) ? ☐

## תשובות איף לעצטע וואך

ווער האט געוויינט? **די בת מלך און דער שני למלכות** - ווער האט געשריגן ? **בת מלך** - ווער האט מדחה געווען? **דער גרויסער מענטש** - ווער האט זיך מיגע געווען און ווער האט זיך טורח געווען? **דער שני למלכות** - ווער האט געפרעגט? **דער שני למלכות און דער גרויסער מענטש** - ווער האט געשריבן? **די בת מלך** - ווער האט דערציילט? **דער משרת און דער שני למלכות** - ווער האט זיך פאר ווינדערט? **דער גרויסער מענטש** - ווער האט זיך באהאלטן? **דער משרת**

**געווינער איף די בחינות פון אבידת בית מלך #2 איז: הילד החשוב נחמן ישראלי בית שמש,**

מען קען אפנעמען די מתנה ביים משגיח ר' יואל יאראוויטש אין חדר ברסלב ב"ש

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# סְ׳אִיז זִיכֶער יָא דָא!



נְחֶמְיָ׳ה הָאט אַ רֵיין הַארְץ. אַ גוּט קִינְד מִיט רְצוֹנוֹת בִּיזְן הִימְל. אַ קְלֵיין בִּיכֶעלֶע הַאלְט עֶר אִין טַאשׁ וואוּ עֶר פַארְצֵייכְנְט דָארְט אוֹיף גָאר אַ שֵׁיינֶעם סֵדֶר אַלֶעס וָואס עֶר וִויל אוּן בַּאגֶערְט צוּ טוּן. צְוִוישְׁן דִי לַאנְגֶע רְשִׁימוֹת שְׁטֵייט אַזוֹי גֶעשְׁרִיבְּן:

זִיךְ פַארְהֶערְן אוֹיף גַאנְץ מִשְׁנָיוֹת מוֹעֵד בַּעַל-פֶּה. עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת מְגִלָּה, תַּעֲנִית, בִּיז דֶער בַּר-מִצְוָה. בַּאצַייטְנְס אָנְקוּמֶען יֶעדְן צוּפְרִי אִין חֵדֶר. הָאבְּן אַ זְמַן קָבוּעַ צוּ מַאכְן טֶעגְלִיכֶע הִתְבּוֹדְדוּת. זִיךְ פַארְהֶערְן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

עֶר הָאט בְּרֶענֶעדִיגֶע רְצוֹנוֹת, עֶר וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק. אָבֶּער אֵיין נַאכְט נָאךְ מַתְמִידִים הֶערְט עֶר וִוי אַן אִינְגֶערְמַאן וָואס לֶערְנְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ שְׁמוּעֶסְט מִיט זַיין חַבֶר: הֶער, הַיינְט אִיז שְׁוַואכֶע דוֹרוֹת, שׁוֹין פַארְגַאנְגֶען מִיט דִי אַמָאלִיגֶע הַתְמָדָה, וָואס קֶענֶען שׁוֹין הַיינְטִיגֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען? זֵיי קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶנְדִיגְן מַסֶכְתּוֹת אוּן זִיךְ פְלַייסְן אַזוֹי וִוי מֶען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער..."

דֶער גְרוֹיסֶער טַאטֶע הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַזַא זִיכֶערְקַייט אוּן פֶעסְטְקֵייט בִּיז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אַרַיינְגֶעדְרִינְגֶען צוּ נְחֶמְיַ׳ה אִין מֹחַ אַז עֶר אִיז טַאקֶע גֶערֶעכְט אוּן פוּן אַלֶע זַיין חֲלוֹמוֹת אִיז גֶעוָוארְן אַ זַייפְן בְּלָאז, עֶס קוּקְט אִים אוֹיס אַז סְ׳אִיז נִישְׁט מְצִיאוּת׳דִיג "גֶעבּ נָאר אַ קוּק, אַזַא גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט מִיט אַ זִיכֶערְקַייט אָן קַיין שׁוּם סָפֵק אַז הַיינְט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹי פְלַייסִיג וִוי אַמָאל..."

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אִיז נְחֶמְיָ׳ה גֶעגַאנְגֶען מִיט שְׁטַאטֶע פַארְבִּיטֶערְטֶע טְרִיט עֶר הֶערְט זִיךְ אַיין צוּ זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען: "פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ וִוי אַלֶעמֶען אוּן אִיךְ וִויל לֶערְנֶען מֶער? פַארְוָואס טְרַאכְט אִיךְ צוּ מַצְלִיחַ זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי אוּן צַייטְלִיךְ, אִיךְ בִּין דָאךְ פָּארְט אַ אִינְג קִינְד? קֶען אִיךְ טַאקֶע זִיךְ פַארְהֶערְן מִשְׁנָיוֹת אוֹיף אוֹיסְנֶווֵיינִיג?

טְרִיט נָאךְ טְרִיט דְרִינְגֶען אַרַיין אִין זַיין הַארְץ דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם 'גְרוֹיסְן מֶענְטְשׁ' וֶועלְכֶע זִיצְט בְּאָהֳלָהּ שֶׁל תּוֹרָה. "זִיכֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶר רֶעדְט..." טְרַאכְט נְחֶמְיָ׳ה צוּ זִיךְ אַלֵיין.

אָנְקוּמֶענְדִיג אַהֵיים, קוּמְט אִים אַרוֹיף אִין זִכָּרוֹן וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט לֶעצְטֶע וָואךְ אִין סִפּוּרֵי

המשך אויף זייט 7

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע״י
הר״ר שמעון אנשין הי״ו
לרגל החאלאקע של בנו היקר